**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט פאר בודזשעט אינוועסטירונגען צו שטיצן ארבייטער און מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל

***בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 העכערט מינימום געהאלט צו $16 פער שעה אין אפסטעיט ביז 2026 און העכערט עס צוזאמען מיט אינפלאציע אין די צוקונפט***

***לייגט צו 391 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם צו שטיצן נאך טויזנטע טענאנטס און פאמיליעס, אריינרעכענענדיג פובליק האוזינג איינוואוינער און מענטשן וואס באקומען פעדעראלע סעקשען 8 וואוטשערס***

***פארברייטערט עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט צו קינדער אונטער פיר, שטיצנדיג כמעט 630,000 צוגעקומענע קינדער***

***רעכנט אריין לאנד'ס-פירנדע קלימאט מאסנאמען וועלכע פארלאנגען צו באשיצן ארבייטער און צו מאכן אמפמאכן מיט לעיבאר יוניאנס פאר פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארגעשטעלט אינוועסטירונגען וואס די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 מאכט צו שטיצן ארבייטער אין מערב ניו יארק און צו מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל. די בודזשעט רעכנט אריין אינוועסטירונגען צו אדרעסירן די אפארדעביליטי קריזיס דורכן העכערן די מינימום געהאלט אין אפסטעיט צו $15 פער שעה אין 2024, נאכגעפאלגט מיט א יערליכע העכערונג פון $0.50 אין 2025 און אין 2026, און דערנאך פארלאנגט עס אז אין די צוקונפט זאל עס וואקסן צוזאמען מיט די 'קאנסומער פרייס אינדעקס' (Consumer Price Index, CPI) וואס מעסט אינפלאציע; צו פארברייטערן דעם עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם (Emergency Rental Assistance Program) צו שטיצן נאך טויזנטע טענאנטס, אריינרעכענענדיג פובליק האוזינג איינוואוינער און מענטשן וואס באקומען סעקשען 8 וואַוטשערס; צו פארברייטערן די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט ( Empire State Child Credit) צו דעקן אויך קינדער אונטער פיר יאר אלט; און צו שטיצן ארבייטער אין ניו יארק'ס גרינע עקאנאמיע. גאווערנער האקול איז באגלייט געווארן דורך פירער פון לעיבאר יוניאנס און לאקאלע ערוויילטע בעאמטע ביי די היינטיגע אנאנס.

"לעיבאר איז אין מיין בלוט, און דערפאר האב איך דאס געלייגט אלץ פריאריטעט צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין מיין בודזשעט צו שטיצן ארבייטער דא אין מערב ניו יארק און אריבער די סטעיט, בשעת'ן אדרעסירן די וואקסנדע קאסטן פון לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען וועלן פארזיכערן אז ניו יארקע פאמיליעס קענען צוקומען צו די דזשאבס, פלעי גרופס און מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען בליהען, און מיר וועלן קיינמאל נישט מיד ווערן אין אונזערע באמיאונגען צו אויפבויען א ניו יארק וואס איז מער איינוואוינער-פריינטליך און מער אפאָרדעבעל."

די פרייזן צו וואוינען אין ניו יארק סטעיט פאר פאמיליעס זענען געשטיגן באדייטנדע דעם יאר אליין. א לעצטיגע באריכט פון די Ford Foundation האט געפונען אז 50 פראצענט פון אלע ניו יארקער אין די עלטער ווען זיי קענען ארבעטן מוטשענען זיך צו זיך ערלויבן זייערע יסודות'דיגע געברויכן. לאטינאָו, טונקל-הויטיגע און אימיגראנטן אין ניו יארק, ווי אויך פאמיליעס מיט קינדער, פילן די לאסט פון די טייערע פרייזן שווערער פון אלע אנדערע. אין אנטווארט האט גאווערנער האקול געקעמפט צו דורכפירן מהפכיות'דיגע מאסנאמען אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו גיבן עקאנאמישע זיכערהייט פאר ניו יארקער.

די מהפכיות'דיגע איניציאטיוון און אינוועסטירונגען וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אין די בודזשעט צו שטיצן ארבייטער און מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל רעכענען אריין:

- העכערן ניו יארק'ס מינימום געהאלט צו $16 פער שעה אפסטעיט און $17 פער שעה דאַונסטעיט ביז 2026, און דערנאך מאכן אז די צוקונפטיגע געהאלט זאל וואקסן צוזאמען מיט די דריי-יאריגע דורכשניט פון די CPI-W פון די צפון-מזרח ראיאן – די בעסטע ראיאנישע אינפלאציע מעסטער – צו זיכער מאכן אז ניו יארקער'ס געהאלטן שפיגלען אפ די שטייגנדע קאסטן פון לעבן
- צולייגן 391 מיליאן דאלאר צו ניו יארק'ס עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם צו שטיצן נאך טענאנטס און פאמיליעס, אריינרעכענענדיג פובליק האוזינג איינוואוינער און מענטשן וואס באקומען פעדעראלע סעקשען 8 וואוטשערס
- אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר אין א 'היים אייגנטומער סטאביליזאציע קאסע' (Homeowner Stabilization Fund) צו פינאנצירן היים פארעכטונגען אין 10 קאמיוניטיס אריבער די סטעיט וועלכע זענען אידענטיפיצירט געווארן צו האבן הויכע שטאפלען פון מינאריטעט היים אייגנטימער מיט נידעריגערע איינקונפט און היים אייגנטומער שוועריגקייטן
- פארברייטערן די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט צו אריינרעכענען קינדער אונטער פיר יאר אלט, צושטעלנדיג דערמיט 179 מיליאן דאלאר אין סך הכל שטיצע פאר איבער 525,000 שטייער-באצאלנדע בירגער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפטן דורכן דעקן נאך קרוב צו 630,000 קינדער
- פארמערן צוטריט צו בילדונג און טרענירונג געלעגנהייטן פאר מענטשן וואס באקומען פובליק בענעפיטן דורכן עלימינירן די פאדערונג אז בילדונג זאל ווערן אויסגעמישט מיט אנדערע אקטיוויטעטן נאך 12 חודשים פון העכערע בילדונג
- פארמינערן די פלוצלינגדיגע פארלוסט פון בענעפיטן צוליבן מאכן עטוואס מער געלט דורכן זיך ערהוילן פון איינקונפט וואס מענטשן פארדינען דורך ארבעטסקראפט טרענירונג פראגראמען און פאר זעקס חודשים נאכן אריינגיין אין א דזשאב, אוועקנעמנדיג א הויפט שטרויכלונג פאר ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט צו אריינקומען אין די ארבעטסקראפט
- אוועקשטעלן דעם 'יונגווארג דזשאבס פארבינדונג' (Youth Jobs Connector) פראגראם צו צושטעלן שטארקע בילדונג שטיצע און דזשאב טרענירונג פאר מענטשן צווישן 16 און 24 וואס האבן נישט גענוג אדער בכלל נישט קיין ארבעט און זיי צוגרייטן פאר די דזשאב מארקעט
- פארזיכערן לאנד'ס-פירנדע קלימאט מאסנאמען, אריינרעכענענדיג אראפנעמען געביידעס פון קארבאן, א וועג פראויס אויף אן אפאָרדעבעל 'קעפ ענד אינוועסט' פראגראם, און פאראויס רוקן ריינע ענערגיע אנטוויקלונג וואס רעכנט אריין פארלאנגען צו באשיצן ארבייטער און צו מאכן אן אפמאך מיט לעיבאר יוניאנס פאר פראיעקטן
- צושטעלן 400 מיליאן דאלאר אין הילף פאר ניו יארקער וועלכע באקומען הויכע עלעקטריציטעט בילס און אזוי אויך צו פארגרינגערן די לאסט פון ענערגיע קאסטן דורכן

אריבערפירן געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט און צו מאכן עקזיסטירנדע געביידעס מער שפארזאם מיט ענערגיע

**סעם קעפּיטענאָו, פרעזידענט פון די Laborers' Local 210 יוניאן, האט געזאגט,** "זייט זיך נישט טועה: די העכערונג פון די מינימום געהאלט איז א גוטע געשעפט פאר ניו יארק'ס ארבייטער, פארבעסערנדיג זייער לעבן'ס סטאנדארט און גיבנדיג זיי די מעגליכקייט צו זיין ערפאלגרייך. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן לייגן שווער-ארבעטנדע ניו יארקער און זייערע פאמיליעס אלץ פריאריטעט. עס איז נאכנישט געווען א גרעסערע שתדלן פאר לעיבאר און פאר די ארבעטנדע מענער און פרויען אין די סטעיט פון גאווערנער האקול, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט איר און אנדערע הויפט פארמישטע פארטייען צו שטיצן די אינציאטיוון."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418